# לעקסיקאָן
## פון ייִדישן טעאַטער

פּאַטעריאַלן געזאַמלט און רעדאַקטירט
פון **זלמן זילבערצווייג**
ביי דער נאָנטסטער מיטאַרבעט
פון **יעקב מעסטעל.**

ערשטער באַנד.

אַרויסגעגעבן אונטער דער השגחה פון דער
ייִדישער אַקטאָרן-יוניאָן אין אַמעריקע.

פאַרלאַג „אלישבע“

ליבקאַדיסאָן | 1931 | ניו-יאָרק

# גאָלד, לעאָן

[לײבעלע גאָלדוואַג]



געב. 1 יאַנ. 1900 אין בעלץ, בעסאַראַביע. פּאָטער — אַ קרעמער. געלערנט ביז 9 יאָר אין חדר, אין דער רוסישער שטאָטישער שול און ביי פּריוואַטע לערער.

נאָך אין חדר „געמאַכט זיך נאַריש“ מיט די קינדער. צו 12 יאָר אָנגעשריבן אַ פּיעסע „יתום“, שפּעטער נאָך אייניקע פּיעסן, וועלכע ער פירט אויף מיט „ליבהאָבער“ און חלומט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אין 1917 ווערט ג. אַנגאַזשירט צו קיציסן פאַר דער פּראָווינץ. נאָכן אַרומוואַנדערן אַ שטיקל צייט איבער די קליינע שטעטלעך ווערט ג. אַריבערגענומען צום דירעקטאָר לערמאַן, מיט וועלכן ער וואַנדערט ווידער איבער די קליינע שטעטלעך, דערנאָך אין פאַרשיידענע אַנדערע טרופּעס ביז אין 1919 ווערט ער אַ מיטגליד אין יידישן טעאַטער, וואָס די ראַטנמאַכט גרינדעט אין זשיטאָמיר. ג. דינט דערנאָך 2 יאָר אין דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט, און איז גלייכצייטיק פאַרוואַלטער פון דער טעאַטער-אָפּטיילונג ביי דער אַרמיי.

1922 וואַנדערט ג. אויס קיין אויסלאַנד, שפּילט אַ וואָך אין אַנטווערפּן, דערנאָך אַ סעזאָן, שוין א״נ לעאָן גאָלד, אין אַ קאָלעקטיוו אין פּאַריז און 1923—ביים דיר. בלומענטאַל אין פּאַריז. 1924 געקומען אין שיקאַגאָ צו זיין מוטער, געשפּילט אייניקע פאָרשטעלונגען ביי גליקמאַן, 1925 געשפּילט אין מאָנטרעאַל, 1926 אין באַלטימאָר, 1927 אין בראָנזווילער האָפּקינסאָן-טעאַטער און אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער יוניע. 1928 — געשפּילט אין שיקאַגאָ ביי גליקמאַן, 1929 — אין ניו-יאָרקער פּאָבליק טעאַטער ביי לואיס גאָלדבערג און 1929-30 — אין זאַצס פאָלקס-טעאַטער.

אַמפּלואַ — געזאַנגס-ליבהאָבער.

ש. ע.

יעקב קירשענבוים — נייע פּנים'ער אויף אונזער ביהנע, „מאָ״זש“, 12 אקט. 1928.